# הרימו מכשול מדרך עמי (טבת תשל"ו)

רעם פארגאנגענע זומער העל"ט איז דאס גאנצע חרדישע אידענטום, בפרט פון וויליאמסבורג, אויפגעטרייסלט געווארען פון די מעשה נורא, דאס מען האט געטראפען ביי א היימישען בעקעריי ביצים מנבלות וטריפות, נאך היינט שוידערט דער גאנצער קערפער זיך בלויז צו דערמאנען אין אט די מעשה נורא ונבלה. און אזוי וויא דער הייליגער רמב"ם ערקלערט אין הלכות תשובה, אז ביי תשובה איז נישט גענוג חרטה צו האבען אויפן עבר, נאר מען דארף זייער אכטונג געבען אויפן עתיד (ווייטערדיגען). דעריבער האבען מיר זיך צוזאמענגענומען א גרופע אברכים פון כולל צו זוכען א תקנה אויף ווייטער, און מיר האבען אנגעהויבען אויף א באשיידענעם אויפן נאכצופארשען צו עס געפינט זיך נישט ח"ו אנדערע מכשולות אין בעקערייען, וואס אויך די אנדערע בעקערייען זענען דערין אריינגעמישט. נאך פיהל מיה און ענערגישע ארבעט פון חקירות ודרישות, זענען מיר געבליבען נבהל ונשתומם, און מיר זענען ממש רערציטערט געווארען, ווייל לויט אונזער אינפארמאציע קומען אריין אין די פארשידענע געבעקסען צענדליגע פראדוקטען, וואס באשטייען פון הונדערטער מאטריאלען, וואס יעדע איינע פאר זיך איז צוזאם געשטעלט פון פארשידענע באשטאנד טיילען, און קיין איין פרארוקט ווערט נישט געמאכט אלע טיילען דערפון אויף איין פלאץ, נאר דאס ווערט פארבריצירט אויף צענדליגע אנדערע פלעצער איבערען גאנצען לאנד, און עס איז פשוט נישט קיין מציאות אז די רבנים זאלען קענען יעדען פראדוקט נאכקוקען מרישא ועד גמירא אפילו איין מאל אין יאר. און מיר זענען דערגאנגגען אז ביי א טייל פון די פראדוקטען קען אריין קומען רערין נבילות וטריפות ממש רח"ל. עס וואלט זיך פארלאנגט אין אזא צייט אז עס זאלען זיך צוזאמנעמען יונג און אלט, און ארויסגיין אין די גאסען און אויפהויבען א ביטערען וויי געשריי, פארוואס האט איר אונז אנגעשטאפט מיט טריפות ונבילות? פארוואס האט איהר פארשטאפט אונזערע הערצער און מוחות, און אויך פון אונזערע קינדער. עס איז גארנישט קיין וואונדער פארוואס עס קומט אהן אזוי שווער אביסעל תורה, אביסעל יראת שמים, ארער אריינצוברענגען דרך ארץ. מיט וואס פאר א יושר האט איר צוגרונט געלייגט אויף רורי דורות טויזענטער אידישע נפשות, וואס זענען מיט גרויס רחמים וחסדים פון השי"ת ניצול געווארען פון די עקידה פלאמען. זיין א מאכיל טריפות איז פיהל ערגער וויא הרג'ענען ממש ווי די חז"ל זאגען (במד"ר כ"א ר') אלע פלאג און הארעוואניע פון די עלטערען און מחנכים זענען אומזיסט ווילאנג מען עסט ח"ו מאכלות אסורות. עס וואלט זיך פארלאנגט אז די התאחדות הרבנים זאל ארויסקומען מיט א

בתי מדרשים און מוסדות וכו'. וויא נעמט מען אויף זיך אזא געוואלדיגען אחריות צו לאזען טויזענטער ערליכע אידען טאג טעגליך צו עסען טריפות וכל דבר אסור, און פאר'סמ'ן דורות אידישע נפשות? צוליב דעם וואס אויפן פראדוקט שאכטעל איז דא א גרויסען השגחה זיגעל איז דאס נאך נישט קיין היתר נישט צו דארפען מוחה זיין, ווייל במקום חילול ד' אין חולקין כבוד לרב (עירובין ס"ג. ע"ש). מיר האבער שפירען יא א גרויסען אחריות נישט מפרסם צו זיין דארט וויא מען ווייס פון א מכשול, דעריבער זענען מיר דא מפרסם דעם אמת אז עס איז נישט קיין מציאות צו קענען האבען א פוהלע הונדערט פראצענטיגע השגחה אויף בעקערייען, וואס איז נאר עלול גורם צו זיין גרויסע מכשולות רח"ל, בפרט פאר די הונדערטער אידען וואס האבען ביז היינט מדקדק געווען אליין צו באקען, וואס דער דאזיגער עולם האט זיך שטארק פארמערט נאך אונזער התעוררות פאר לערך א האלב יאר צוריק נישט צו ניצען פון בעקעריי, און כמעט די אלע האבען יעצט צוריק אנגעהויבען ניצען פון בעקעריי קלערענדיג אז עס איז ב"ה שוין דא דערויף א השגחה מעולה. רער עולם זאל וויסען אז די מכשולות פון די מאטריאל וואס ווערען געניצט אין בעקערייען זענען אומגעהויער גרויס, חששות פון איסורא דאורייתא ממש, אפילו ווי עס האט דערויף א השגחה זיגעל אויף יערע מין באזונדער. מיר זענען מעורר און מזהיר אז היינט בזמן הזה איז א גערריקטע צעטעל תחת השגחת כו' בכלל נישט מעלה ומוריד, אפילו עס איז אונטער א בית דין חשוב, אזוי ווי די התאחדות הרבנים האבען דאס מפרסם געווען מיט א בולעטין אין "דער איד" אפאר יאר צוריק (מיר האבען ביי אונז דעם גערריקטען ארטיקעל). מיר זענען ערשיטערט געווארען הערענדיג פון די בעקערייען אייגענטומער במסל"ת ווערטער וואס קלינגט אומגלויבליך, דאס די התאחדות הרבנים זענען אליין געווארען די האלסיילערס אויף די אלע פראדוקטען, דאס הייסט אז זיי קויפען האלסעיל פון די פירמא "ווילמארק" וואס איז דער הויפט אינדוסטרי פאר היימישע בעקערייען, ווי אויך פון אנדערע פאבריקאנטען, און פארקויפען דאס פאר פיהל טייערער צו די בעקערייען, חוץ וואס עס ווערט גערעכענט הויכע פרייזען פאר די עצם השגחה. נו! צו קען דען א בעל הבית זיין באגלייבט צו געבען א הכשר אויף זיינע אייגענע פראדוקטען? אפילו אם יהי' גובה ארזים גבהו, הישמע זאת? אויך דערציילען די בעקערייען במפל"ת אז די גאנצע השגחה איז נאר למראית עין, דער עיקר איז ביזנעס, עס איז שווער צו גלויבען אז רער היינטיגער דור זאל שוין טאקע האלטען אויף אזא שפל'דיגען מצב, השגחה מיט ביזנעס איז

מחנכים זענען אומזיסט ווילאנג מען עסט ח"ו מאכלות אסורות. עס וואלט זיך פארלאנגט אז די התאחדות הרבנים זאל ארויסקומען מיט א גרויסן ווי געשריי, און ווארענען די היימישע בעקרייען זיי זאלען חלילה נישט ניצען די אלע פאלשע און פאבריצירטע זאכען, וואס זיי ווערן געמאכט פון צענדליגע מאטריאלען (וויא פריער דערמאנט) נאר זאלען אלעס מאכען היימיש. און נאך פיהל וויכטיגער וואלט געווען זיי זאלען הייסען יעדער יחיד זאל באקען ביי זיך אינדערהיים וואס נאר מעגליך, כדי צו זיין באווארענט פון מכשולות. אבער לדאבונינו הגדול האבען מיר געזעהן און געהערט זאכען וואס האט אונז אויפגעטרייסעלט, אז אנשטאט צוריק צוהאלטען פון ניצען בעקעריי פראדוקטען, זענען גאר אונזערע היימישע רבנים ארויסגעקומען מיט א השגחה אויף בעקרייען וואס נוצען פראדוקטען וואס האבען א חשש פון ממש נבילות וטריפות.

מורי ורבותי וויא נעמט מען ווערטער ארויסצוברענגען די גפיהלען הערענדיג די בשורה אז אונזער התאחדות הרבנים גיט א השגחה אויף אויף בעקרייען וואס נוצען נאך אלץ די או יו פראדוקטען, און אויך אנדערע פראדוקטען מיט תערובת איסור רח"ל. אויך האבען מיר באקומען א שוידערליכע בשורה אז רובא דרובא פון די אלע היימישע בעקרייען, וואס האבען די השגחה פון התאחדות הרבנים, לייגען פאפיר אין די בעקענט אונטער די געבעקסען, וואס די אלע פאפירען האבען אין זיך 76 פראצענט חלב ממש, בפרט איז דער חרדישער עולם מורא'דיג ערשיטערט געווארען די לעצטע פאר וואכען מיט דעם פינסטערען מכשול, ווען עס איז נתפרסם געווארען אז ליידער האבען די בעקרייען געניצט טמא'נע אייער (עג פוידער) מיט'ן הכשר פון התאחדות הרבנים. די התאחדות הרבנים האבען געלייגט זייער השגחה זיגעל אויף פארשידענע פראדוקטען אהן דעם וואס זיי זאלען האבען בודק געווען די מאטריאלען, און די פראדוקטען ווערען געמאכט בעוה"ר אין פאבריקען וואס זענען מלא על כל גדותיו (פיל) מיט טריפה'נע מאטריאל. חוץ וואס עס איז דא עדי ראי' וואס האבען געטראפען אריינטראגען אין א בעקעריי, וואס האט דעם השגחה טאוועל פון התאחדות הרבנים, פראדוקטען אהן דעם השגחה זיגעל. צו איז טאקע דער פשט פון אזא טאוועל אז אלעס וואס ווערט אריינגעברענגט אין בעקעריי איז כשר? ווער איז דער עומד על המשמר אכט צו געבען עס זאל נישט אריינקומען זאכען אהן השגחה, און דאס גלייכען אז אין פאבריק אדער אונטערוועגנס ווערט נישט אפגעשטעלט די השגחה אויף כל מיני טריפות.

מיר ווילען דא אויך פרעגען פון דעם וועד הכשרות דבארא פארק, וואס זיי האבען דאך יא געוואוסט פון די אלע מורה'דיגע מכשולות, און אטייל איז אפגעדריקט אין זייער מדריך לכשרות, היתכן! פארוואס האט איהר דאס נישט באלד מכריז ומודיע געווען דורך קלעבען גרויסע פלאקאטען אין אלע גאסען? דאס איז דאך א מכשול איום ונורא, אדער לכל הפחות האט איהר געדארפט באלד דאס לאזען אויסרופען אין אלע ביזנעס, עס איז שווער צו גלויבען אז דער היינטיגער דור זאל שוין טאקע האלטען אויף אזא שפל'דיגען מצב, השגחה מיט ביזנעס איז געווארען איינס און דער זעלבער, ווען מען הייבט אן טועם זיין דעם טעם פון געלט קען מען ח"ו טריפה מאכען כלל ישראל רח"ל. עס קען זיך פשוט נישט גלויבען אז אונזער התאחדות הרבנים וואס דער רבי שליט"א האט מיט אזויפיל פלאג און מסירות נפש געגרינדעט מיט די כוונה צו ראטעווען און צו העלפען אז אידען זאלען בלייבען ערליך, זאל ח"ו ארויסקומען אזא גרויסען מכשול. צו האט אונז דער רבי שליט"א אזוי געלערנט און מדריך געווען? וויא האלטען מיר בעוה"ר אזוי נידעריג? תורה תורה חגרי שק! קרעו לבבכם וכל בגדיכם! טראכט אריין ערענסט וויא מיר האלטען, מען מאכט ביזנעס מיט אידישע נפשות. ע"כ בעטען מיר און ווארענען אז ווער עס וויל בלייבען א איד נאמן לד' ותורתו, און וויל אויפציען ערליכע אידישע דורות ת"ח ויר"ש בעלי מדות על דרך והוראת כ"ק אדמו"ר שליט"א, זאל זיך נישט צורירען צו די אלע בעקעריי געבעקסען. פארגעסט נישט מען וועט דארפען אויף אלעס אפגעבען דין וחשבון, מיט איין כזית געבעקס קען מען ח"ו נכשל ווערען אין אכילת טריפות ונבילות וטמאות מן התורה. האט רחמנות אויף אייערע טייערער קינדער וואס מען הארעוועט און מען פלאגט זיך אזויפיל פון זייער וועגען, זיי זאלען ח"ו נישט אנגעשטאפט ווערען מיט מאכלות אסורות, איהר זענט ביכולת זיי אפצוהאלטען דערפון. דאס זעלבע געדענקט אז אלע אייערע ברכות זאלען ח"ו נישט גיין לבטלה, דאס זעלבע דער קידוש והבדלה, און תיקון, קידוש אד"ג. מאכלות אסורות איז א געפערליכע זאך וואס איז גורם אז דאס הארץ ווערט פארשטאפט און לאזט נישט אריין קיין תורה ויר"ש און קיין מוסר. לחומרא דארף מען דאך חושש זיין אפילו ביי א ספק איסור כ"ש דארט וויא מיר האבען די אלע ענינים מבורר געווען בראיות ברורות, און עס איז בכלל נישט דא קיין שום ספק אויף די הארבקייט און מורה'דיגע מכשולות בעוה"ר. טראכט אריין אז אפשר דאס וואס עס וויל זיך נישט גלויבען איז מעשה יצר וואס איז א גורם פון די מאכלות אסורות וואס אונז האבען מיר זיך שוין אנגעגעסען בעוה"ר.

מיר האלטען ביי די ימי השובבים, זאלען מיר זיך דערמאנען וויפיל טייכען טרערען, צעקות ובכיות נוראות וואס דער רבי שליט"א פלעגט פארגיסען ביי די שובבי"ם תורה'ס, מיר זאלען בלייבען אויפן אמת'דיגען אידישען וועג, די געוואלדיגע התעוררות והרהורי תשובה וועלען מיר קיינמאל נישט פארגעסען.

אין זכות וואס מיר וועלען נזהר זיין פון מאכלות אסורות וועט השי"ת אונז העלפען מיט ברכות וישועות נחת וכל טוב, און מיר וועלען בקרוב אלע זוכה זיין לישועות הניבאות ולהתרוממות קרן התורה וישראל, און מקבל זיין פני משיח צדקנו מיט'ן רבי'ן שליט"א אינאיינעם בב"א.

**התאחדות האברכים דסאטמאר**